3 ווערן געטריי· פֿאַר מיר אָבער איז עס אַ קלייניקייט
געמשפּט צו ווערן פֿון אײַך, אָדער פֿון אַ מענטשלעכן
יום (הדין); אַפֿילו אַליין משפּט איך מיך אויך נישט·
4 ווײַל איך ווייס גאָרנישט קעגן מיר אַליין; נאָר מיט
דעם דאָזיקן בין איך (נאָך) נישט גערעכטפֿערטיקט;
עס איז אָבער דער האַר, וועלכער איז מײַן דן·
5 דערפֿאַר זאָלט איר גאָרנישט משפּטן פֿאַר דער
קומענדיקער צײַט, ביז דער האַר וועט קומען, וועלכער
וועט אויך באַלײַכטן די פֿאַרבאָרגענע זאַכן פֿון דער
פֿינסטערניש און אַנטפּלעקן די פֿאַרלאַנגען פֿון די
הערצער; און דעמלט וועט יעדער איינער באַקומען
זײַן לויב פֿון ג־ט·
6 און דאָס, ברידער, האָב איך אָנגעווענדט אויף
מיר אַליין און אויף אַפּאָלאָסן צוליב אײַך; כּדי איר
זאָלט אין אונדז לערנען (וואָס עס באַטײַט): נישט
העכער פֿון דעם, וואָס עס שטייט געשריבן! כּדי
קיינער זאָל זיך נישט אויפֿבלאָזן פֿאַר דעם איינעם
7 קעגן דעם אַנדערן· וואָרום ווער מאַכט דיך אויס־
געצייכנטער? און וואָס (אַזוינס) האָסטו, וועלכעס
דו האָסט נישט באַקומען? אויב אָבער דו האָסט
(עס שוין יאָ) באַקומען, וואָס באַרימסטו זיך, ווי דו
8 וואָלסט עס נישט מקבל געווען? שוין, איר זענט
שוין זאַט געוואָרן, איר זענט שוין רײַך געוואָרן,
איר קעניגט שוין אָן אונדז; און הלוואַי וואָלט
איר געקעניגט, כּדי מיר זאָלן מיטקעניגן מיט
9 אײַך· וואָרום עס שײַנט מיר אויס, אַז ג־ט האָט
אונדז, די שליחים, אויסגעשטעלט אַלס (סאַמע)
לעצטע, ווי פֿאַרמשפּטע צום טויט; ווײַל מיר
זענען געוואָרן אַ ספּעקטאַקל פֿאַר דער וועלט און
10 פֿאַר מלאכים און פֿאַר מענטשן· מיר (זענען) די
נאַראָנים צוליב משיחן, איר אָבער (זענט) חכמים